# סאַנקט בעש״ט

נטע׳ן

זיצט דער בעל שם קעגן מיטן־נאַכט
אין זיין חדר מיוחד און ער טראַכט:
„די נאַכט איז הייליק, טיף און שיין,
אַז אַפילו דער מענטש, וואָס גייט אַליין
באַרוועס איבער אַ פרעמדן לאַנד,
פילט איבער זיך גאָט׳ס בלאָע האַנט״.

ער הויבט זיך אויף און בלייבט פּלוצים שטיין:
אין פענסטער ציטערט אַ דין געוויין.
ווער וויינט ביינאַכט, ווער וויינט אַצינד,
ווען ס׳שלאָפט דער פויגל און ס׳שלאָפט דער ווינט,
ווען ס׳שלאָפט די כאַטע, און ס׳שלאָפט דער וואַלד?
ווער טרייבט פון זיין חלום אַוועק דאָס גאָלד?
„הער — זאָגט ער צום פרעמדן געוויין געוועינדט —
קום און ווער אַנטשלאָפן אויף מיינע הענט״.

נאָר ס׳ציטערט דאָס געוויין ווי אַ פידל דין,
דין ווי דאָס שפּינגעוועב פון אַ שפּין,
דין ווי די גסיסה פון אַ קינד,
וואָס פאַרוואַרפט דאָס קעפל אויפן ווינט.

עפנט דער בעל שם די טיר און גייט
געוויר צו ווערן, ווער ס׳שטערט די פרייד,

די פרייד און דעם חלום פון אַ וועלט.
אַט דרימלט די ש̇טאָט, אַט דרימלט דער טייך.
אַט דרימלט דאָס פעלד.
ווער־זשע וויינט אַצינד,
ווען ס׳שלאָפט דער פויגל און ס׳שלאָפט דער ווינט,
ווען ס׳שלאָפט די כאַטע און ס׳שלאָפט דער וואַלד?
ווער טרייבט פון זיין חלום אַוועק דאָס גאָלד?
„הער — זאָגט ער צום פרעמדן געוויין געווענדט —
קום און ווער אַנטשלאָפן אויף מיינע הענט״.

נאָר ס׳ציטערט דאָס געוויין ווי אַ פידל דין,
דין ווי דאָס שפּינגעוועב פון אַ שפּין,
דין ווי די גסיסה פון אַ קינד,
וואָס פאַרוואַרפט דאָס קעפּל אויפן ווינט.

הויבט דער בעל שם די אויגן אויף,
די ליכטיקע אויגן צום הימל אַרויף,
זעט ער אַ גראָע כמאַרע וואָס ליגט
איבער אַ שטערן, וואָס ווערט צעדריקט.
בלייבט דער בעל שם אַ רגע שטיין
און הערט זיך צו צום זילבערנעם געוויין.

דערנאָך הויבט ער אויף די ליכטיקע האַנט,
צום הימל אַרויף די ליכטיקע האַנט,
און ווישט די גראָע כמאַרע אַוועק.
פלאַטערט דער שטערן באַפרייט פון שרעק,
פלאַטערט און שימערט, בליצט און קלינגט
אַדורך דער לופט, ווי גינגאָלד קלינגט.
שמייכלט דער בעל שם: „דו שייגעץ, דו!
האָסט אויפגעטרייסלט אַ וועלט פון רו״.

מיט שטילע טריט גייט ער דאַן אַהיים,
אַהיים צו זיין כאַטע פון ציגל און ליים,
און זעצט זיך אַנידער אויפן שוועל,
און וואַרט אויפן ערשטן פויגל-טרעל,
און וואַרט אויפן ערשטן טראָפן זון.
אויפן ערשטן גאָלדענעם טראָפן זון.
און איידער דער טאָג האָט אויפגעטאָגט,
האָט ער שטיל צו זיך אַליין געזאָגט:

„דאָס געוויין פון אַ ווערמל און פון אַ גראָז,
דאָס געוויין פון אַ שטערנדל און פון אַ האָז
קען טרייסלען און צעטרייסלען אַ וועלט פון רו
באַהיט און באַשיץ זיי, טאַטע דו!"

און אַ ליכטיקער טראָפן פאַלט אויף זיין האַנט
און קייקלט זיך אַראָפּ איבער זיין געוואַנט.